קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
**רבינו אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## צו - פרה

גליון ל"ג - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
**שינאווא**

כל הזכויות שמורות

## צַו אֶת אַהֲרֹן וְאֶת בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל הַמִּזְבֵּחַ כָּל הַלַּיְלָה עַד הַבֹּקֶר וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ.

**א)** רש"י זאגט: **"אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות"** - די תורה זאגט דא א לשון 'צו', ווייל דער פרשה איז נוגע נישט בלויז אויף יעצט, נאר אויך אויף די שפעטערדיגע דורות. לכאורה איז שווער, אלע מצוות זענען דאך נוגע אויף די שפעטערע דורות - נישט בלויז די מצוה פון עולה? און פארקערט גאר, די מצוה פון עולה איז דאך ליידער נישט נוגע היינט - בזמן חורבן הבית?

**ב)** ווייטער זאגט רש"י: **"אמר רבי שמעון ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס"** - די סיבה פארוואס דא שטייט א לשון 'ציווי' - וואס דאס איז א שטארקע אזהרה - וויבאלד די מצוה פון קרבנות קאסט אסאך געלט, דעריבער איז דארט דא א גרעסערן נסיון, דארף מען האבן א גרעסערע אזהרה. לכאורה איז שווער, עס זענען דאך פאראן נאך אזויפיל מצוות וואס קאסטן אסאך געלט; ווי די גמרא זאגט (סוכה מא:), אז רבן גמליאל האט באצאלט טויזנט זוז פאר א לולב, און פארוואס נאר **דא** שטייט א לשון 'ציווי'?

**ג)** אויך דארף מען פארשטיין דעם לשון רש"י 'ביותר' - נאכמער. אויף וועלכע מצוה באציט ער זיך דא, וואס ער זאגט אז די מצוה פון קרבנות דארף מען נאכמער מזהיר זיין ווי די **אנדערע** מצוה?

**ד)** די גמרא זאגט (סנהדרין נו:): **"ויצו זו עבודה זרה"** - וואו עס שטייט דער לשון 'צו', איז דארט דא א רמז אויף דער ציווי וואס די תורה באפעלט נישט צו דינען עבודה זרה. דארף מען פארשטיין, וואו קומט דא אהער דער ענין פון עבודה זרה?

**ה)** די אויבערשטע פרשה לאזט זיך אויס: **"מכל אשר יעשה לאשמה בה"**. איז באקאנט די ווערטער וואס דער מאור ושמש (לפ' החודש) ברענגט פונעם רבי'ן רבי מענדעלע זי"ע, אז ווען דער בעל קורא לאזט אויס דעם פסוק, זאל דער ציבור זיך אונטערזאגן: **"לאל אשר שבת מכל המעשים ביום השביעי"** - וואס דאס איז ראשי תיבות

פון **לאשמ"ה ב"ה.** דארף מען פארשטיין דעם שייכות פונעם ענין פון 'שבת', צום ענין פון 'קרבן עולה' מיט וואס אונזער פרשה הייבט זיך אן?

### דער עולה איז מכפר אויף הרהור הלב פון עבודה זרה

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. די פרשה הייבט זיך דא אן 'זאת תורת העולה'. און דער מדרש זאגט (ויק"ר ז, ג): **"אין העולה באה אלא על הרהור הלב"** - דער עולה איז געקומען בלויז מכפר צו זיין אויף א מחשבה וואס האט נישט געטויגט. איז דאך לכאורה שווער: די גמרא זאגט (קידושין לט:): **"מחשבה רעה אין הקב"ה מצרפה למעשה"** - דער אייבערשטער רעכנט **נישט** קיין שלעכטע מחשבה כאילו מען האט עס **געטון**. נו אויב אזוי, צו וואס דארף מען ברענגען א קרבן עולה צו מכפר זיין אויף די **מחשבה**?

**נאר** עס קען זיין, אז מען מיינט דא א מחשבה פון **עבודה זרה** - וואס אויפדעם זאגט דארט די גמרא, אז ביי עבודה זרה איז דער אייבערשטער **יא** מצרף די 'מחשבה למעשה'. און טאקע אויף דער סארט מחשבה האט מען געדארפט ברענגען דעם קרבן עולה, מכפר צו זיין אויף א 'הרהור הלב' פון עבודה זרה.

### דער קרבן איז נאר מכפר מיט תשובה

**דער** רמב"ם פסק'נט (הל' תשובה א, א): **"בעלי חטאות ואשמות בעת שמביאין קרבנותיהן על שגגתן או על זדונן אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה"** - קרבנות זענען נאר מכפר אויב מען טוט תשובה. און דער הויפט עיקר פון תשובה איז דאך 'עזיבת החטא'. ממילא, וויבאלד דער עולה קומט דאך מכפר זיין אויף די 'מחשבות עבודה זרה' - וואס דער איד האט געטראכט, דעריבער הייבט די תורה אן מיטן לשון '**צו** את אהרן' - וואס דאס איז מרמז אויף דער **ציווי** פון זיך אפשיידן פון עבודה זרה, אז איידער מען ברענגט דעם קרבן מוז מען זיך **קודם** אפשיידן פון די אלע מחשבות עבודה זרה און תשובה טון דערויף מיט 'עזיבת החטא', און ערשט דערנאך קענסטו מקריב זיין דעם קרבן, און אזוי ארום וועט עס מכפר זיין.

### וויאזוי קען מען אפלאזן די שלעכטע מחשבות?

**אבער** לכאורה, איינער וואס איז שוין מורגל אין טראכטן שלעכטע מחשבות - איז דאך אים זייער שווער זיך פורש צו זיין דערפון; ווי דער רמב"ם שרייבט (הל' תשובה ד, ה): "חמשה דברים העושה אותם ימשך אחריהם תמיד וקשים הם לפרוש מהן" - פינף זאכן ווערט מען זייער שטארק ארייגעצויגן דערינען, און עס איז זייער שווער זיך אפצושיידן דערפון. און איינע פון די פינף רעכנט ער אויס: "בעל מחשבה רעה" - איינער וואס טראכט שלעכטע מחשבות. און אזוי שטייט אויך אין אסאך ספרים א טייטש אויף אונזער רש"י: "**ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס**" - אז דאס גייט ארויף אויף די 'מחשבה' וועלכע האט נישט קיין 'כיסוי' - ווי אלע אנדערע אברים, די אויגן קען מען צודעקן נישט צו זען קיין שלעכטס, די אויערן פון הערן שלעכטס וכדומה, אבער די מחשבה האט נישט קיין כיסוי, און עס איז זייער שווער זיך צוריקצוהאלטן פון טראכטן שלעכטע מחשבות. נו אויב אזוי, ווי קען מען פארלאנגען אז א מענטש זאל נישט ברענגען קיין קרבן עולה ביז ווילאנג ער האט זיך נאכנישט אויסגערייניגט פון די שלעכטע מחשבות פון עבודה זרה? מען דארף דאך האבן עפעס אן עצה דערצו?

### שבת איז 'מכפר' אויף עבודה זרה

**נאר** עס קען זיין אזוי. די גמרא זאגט (שבת קיח:): "**כל המשמר שבת כהלכתו, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו**" - אפילו אויב ער האט געדינט עבודה זרה ווי דער דור אנוש, אבער אויב ער היט שבת, איז מען אים מוחל. און לכאורה איז דאך שווער ממה נפשך: אויב רעדט מען פון איינעם וועלכער האט נאכנישט תשובה געטון, נו ווי קען מען אים מוחל זיין? אפילו די קרבנות וואס מען ברענגט אויף שוגגים - זענען דאך אויך נישט מכפר אן קיין תשובה; ווי מען האט געברענגט פון רמב"ם, נו ווי קען זיין אז שבת זאל מכפר זיין אן קיין תשובה? און ווידער, אויב רעדט מען פון איינעם וועלכער האט יא תשובה געטון - איז מען אים דאך סייווי מוחל; ווי דער רמב"ם זאגט (הל' תשובה ג, יד): "אין לך דבר העומד בפני התשובה", נו צו וואס דארף ער אנקומען צום כח פון שמירת שבת?

**דורכן כח פון שבת קען מען פטור ווערן פון מחשבות עבודה זרה**

**נאר** עס קען זיין, אז מען רעדט דא פון אזא איינעם וואס ער וויל זייער תשובה טון, אבער ער קען נישט פטור ווערן פון די שלעכטע מחשבות וואס לויפן אים נאך, און ווילאנג ער האט נאך די מחשבות - פעלט דאך נאך דער 'עזיבת החטא', ממילא קען ער נישט צוקומען צו קיין תשובה שלימה; ווי דער רמב"ם זאגט דארט, אז 'מחשבה רעה' איז פון די 'דברים המעכבים את התשובה'. און אויף דעם גיבט די גמרא א מורא'דיגע **עצה**, אז דורכן כח וואס דו וועסט זיין א 'שומר שבת כהלכתו' ווערסטו פטור ווערן פון די אלע מחשבות עבודה זרה, און ממילא וועט דיין תשובה העלפן און דו וועסט צוקומען צו א מחילה גמורה.

**שבת איז א שטיק אמונה – היפוך עבודה זרה**

**עס** קען זיין דער טעם, פארוואס שמירת שבת העלפט אזוי שטארק זיך אפצושיידן פון מחשבות עבודה זרה. ווייל דער גאנצער שבת איז דאך אן 'עדות' אויף די **אמונה**, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט אין זעקס טעג און גערוהט אין שבת, ממילא, דורכדעם וואס דער מענטש היט שבת, ווערט ער נכלל אין די הייליגע אמונה, און דאס הארץ און מח ווערט אים געהייליגט, און עס קומען אים שוין מער נישט ארויף די אלע שלעכטע מחשבות רחמנא ליצלן.

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם סמיכות פון דער פריערדיגער פרשה וואס עס לאזט זיך אויס מיטן "**לאשמה בה**". און דער ציבור זאגט זיך אונטער: "**לאל אשר שבת מכל המעשים ביום השביעי**" - וואס דאס איז דער 'שבת'. און דורכן כח פון שבת קען מען צוגיין צום '**צו** את אהרן' - זיך פורש צו זיין פון די אלע מחשבת עבודה זרה, וואס דאס איז דער 'עזיבת החטא', און דערנאך קען מען שוין ברענגען דעם עולה מכפר צו זיין אויפן עבר - אויף די אלע הרהורי הלב פון מחשבות עבודה זרה וואס ער האט אמאל געהאט.



**היינטיגע צייטן איז דער נסיון עבודה זרה – תאות ממון**

**די** גמרא זאגט (סנהדרין סד.): "**אנשי כנסת הגדולה בטלוה ליצרא דעבודה זרה**" - די אנשי כנסת הגדולה האבן מבטל געווען דעם

יצר הרע פון עבודה זרה. נו אויב אזוי, וועט איינער מיינען, אז דער גאנצער ענין פון מחשבת עבודה זרה איז שוין נישט נוגע **היינטיגע** צייטן.

**אבער** אינ'אמת'ן איז דער ענין נוגע אויך היינט. ווייל דער חובת הלבבות זאגט (שער יחוד המעשה פרק ד), אז א מענטש וועלכער חנפ'עט אנדערע מענטשן, כדי צו באקומען פון זיי געלט וכדומה, איז **ארגער** פון דעם 'עובד עבודה זרה', ווייל דער עובד עבודה זרה האט נאר **איין** געטשקע צו וועמען ער בוקט זיך, אבער דער מענטש - וועלכער חנפ'עט אנדערע - בוקט זיך צו אן א שיעור געטשקעס, היינט חנפ'עט ער זיך צו דעם און מארגן צו א צווייטן, און ער רעכנט דארט אויס נאך חילוקים. קומט אויס, אז היינט איז אויך שייך דער ענין פון 'הרהור עבודה זרה', ווען א מענטש האט א תאוה צו געלט און ער ליגט דערין מיט **אלע** חושים, און ער טראכט אז דורכדעם וואס ער וועט דינען מענטשן, וועט ער באקומען פון זיי געלט, איז דאס 'ארגער' ווי 'עבודה זרה'.

#### אראפגעפאלן פון אלע מדרגות דורך תאות ממון

**ווי** ווייט דער חומר פון תאות ממון גייט, זעט מען פון די ווערטער וואס דער הייליגער בני יששכר שרייבט (מגיד תעלומה ברכות לב.): **"ראיתי בעיני צדיקים גדולים אשר יראתי לגשת אליהם וכאשר באו לידי נסיון והשתדלו להשיג ממון, ובפרט בתביעה בפה נתרוקנו מכל וכל ואבדו מעלתם"** - איך האב געזען צדיקים וואס איך האב מורא געהאט צו צוגיין צו זיי - פאר פחד פון זייער קדושה. אבער נאכדעם האבן זיי זיך אנגעהויבן אריינצולאזן אין געלט זאכן[א], זענען זיי געפאלן פון **אלע** מדרגות. זעט מען וואספארא ירידה דער תאוה פון 'געלט' קען ברענגען רחמנא ליצלן.

#### זירוז 'לדורות' אויף תאות ממון

**דאס** זאגט רש"י: **"אין צו אלא לשון זירוז מיד ולדורות"** - דער ציווי אויף מחשבות עבודה זרה, גייט טאקע **אויך** ארויף אויף די

א בתוך דבריו שתרגם לשון המגיד תעלומה באידיש, הגיב רבינו: **עס איז א פחד פון ווערטער. לכאורה מוז מען זאגן אז דאס מיינט לויט זייער גרויסע מדרגה, ווייל עס איז שווער צו זאגן אז ער רעדט דא ממש בפשטות.**

שפעטערדיגע דורות - ווען מען האט שוין מבטל געווען דעם 'יצרא דעבודה זרה'. און רש"י איז מסביר, פארוואס דארף מען דעם ציווי אויך אויף שפעטער, ווייל: "**ביותר צריך הכתוב לזרז במקום שיש בו חסרון כיס**" - דארט וואו עס האנדלט זיך פון א 'חסרון כיס', וואס א מענטש האט א תאוה אנצופילן דעם טאש, און ער **דינט** צו דעם מיטן גאנצן מחשבה און הארץ, דאס איז נאך '**ביותר**' - **נאך ארגער** ווי דער עובד עבודה זרה; ווי דער חובת הלבבות זאגט. און דערפאר איז דער 'ציווי' נוגע אויך אויף שפעטערדיגע דורות, וואס מען דארף מזרז זיין יעדן איד, אז ער זאל וויסן אוועקצושטיין פון אזעלכע מחשבות, נאר מען דארף וויסן אז נאר דער אייבערשטער אליינס איז דער זן ומפרנס לכל - פאר יעדן איינעם וויפיל ער דארף באקומען, און עס וועט אים גארנישט ברענגען דאס וואס ער חנפ'עט מענטשן!

**שבת איז א צייט וואס מען דארף זיך חזר'ן די ריינע אמונה**

**און** אויך אויף דעם, איז די עצה דער ענין פון 'שמירת שבת'. ווייל שבת איז א צייט וואס א איד טוט נישט קיין שום השתדלות פאר פרנסה, נאר ער חזר'ט זיך די אמונה, אז דער אייבערשטער האט באשאפן די גאנצע וועלט, און ער פירט ווייטער די גאנצע וועלט, און מען קען גארנישט אליינס אויפטון אויף דער וועלט, און נאר דאס וואס דער אייבערשטער באשערט אים - דאס וועט ער האבן. און דורכדעם קען ער פטור ווערן פון די אלע 'הרהורי הלב' פון תאות ממון.

## דברי כיבושין

**עס** גייט די הכנה צו דעם הייליגן יום טוב [פסח]. [דארף מען] צו וויסן ווי ווייט [מען דארף] זיך צו באפרייען פון דעם 'תאות הכסף'. ווער שמועסט נאך חלילה, אז עס קען חלילה ברענגען צו עבירות.

**מען** האט נישט קיין השגה ווי ווייט [עס גייט] דער 'השוחד יעור עיני חכמים'! רחמנא לצלן זיך אריינצולאזן זיך אין די תאוות, 'מי שיש לו מנה רוצה מאתים' (קה"ר א, יג), איז דאך 'לא ישבע כסף' (קהלת ה, ט). דאס איז דאך אזא מין תאוה וואס מאכט דעם גאנצן מענטש

צוגרונד! און די שטוב ווערט צוגרונד! און מען ווערט אינגאנצן גענידערט! מען ווערט אינגאנצן 'אויס זיך'! ער ווערט נעבעך אזוי 'בטל' - אזויווי אן עבודה זרה - צו דעם כסף; [ממה נפשך]: מאכט ער 'יא' [געלט] - וויל ער 'נאך מער'! [ווידער אויב] מאכט ער 'נישט' - איז ער אינגאנצן צובראכן! און מען פאלט אריין חלילה אין [חסרון אמונה]; אזוי שטייט דאך (סוטה מח:): "[מי שיש לו פת בסלו ואומר] מה אוכל למחר הרי זה מקטני אמנה", זעט מען דאך ווי ווייט [עס גייט] דער ענין פון [חיוב] אמונה פון פרנסה.

**בפרט**, אז א איד האט צו עסן, ער האט צו טרינקען און ער האט צו שלאפן, דעמאלט וואלט ער אודאי געברויכט זיך מחזק זיין, און אריינלייגן זיך [צו מאכן] א הכנה צו אזא הייליגן יום טוב, אריינטון זיך אין די הייליגע ספרים הקדושים, אין די הייליגע מצוות.

**דער** בני יששכר (ניסן ד, ו ע"ד הפשט) זאגט דער רמז: "י"ג בודקין את החמץ", אויב מען גרייט זיך נישט צו (ער האט געגנוג געהאט איין טאג...), אז ביום י"ג אז מען גרייט זיך נישט צו און מען טראכט נישט אויפן בדיקת חמץ. 'חמץ' איז דאך דער יצר הרע. [ווען] עס קומט צו 'בדיקת חמץ' - ווייסט ער גארנישט אז ער האט געזינדיגט, ער ווערט גארנישט נתעורר ביי בדיקת חמץ, וואס פעלט אים? ער איז וואויל, ער איז גוט... זאגט ער, אז דאס איז ווייל ער האט נישט געמאכט קיין הכנה.

**אז** עס איז דא א הכנה על כל פנים, הייבט מען דאך שוין אן צו טראכטן. אבער אז מען ליגט אין 'תאות ממון', [מען וויל] נאך און נאך און נאך [געלט] - איז מען דאך גאר ווייט פון א מחשבה מען זאל עפעס אנהייבן צו טראכטן.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל נשפע ווערן די אורות. 'פסח' איז דאך א לשון 'וְחָמַל' (רש"י שמות יב, כג), [מלשון] רחמנות. זאל דער אייבערשטער טאקע רחמנות האבן אויף אונז, אז מיר זאלן מיר קענען צוגיין צו דעם הייליגן יום טוב מיט א טהרת הלב און מיט מחשבות טהורות, מיט אמונה שלימה, מיט הרחבת הדעת ברוחניות ובגשמיות, און מקיים זיין די מצות כדבעי למהוי, מען זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

# לשבת פרה

## זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה אֲשֶׁר אֵין בָּהּ מוּם אֲשֶׁר לֹא עָלָה עָלֶיהָ עֹל.

**א)** רש"י זאגט: **"לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה לפיכך כתב בה חקה גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה"** - די תורה האט געשריבן 'חקה', צו זאגן אז דאס איז א גזירת הכתוב און מען טאר נישט ארייינטראכטן קיין טעמים דערין. פרעגן דאך אלע מפרשים, אז ווי קען שפעטער רש"י אליינס צוברענגען פון רבי משה הדרשן א טעם אויפן פרה אדומה? עס איז דאך א 'חקה'?

**ב)** רש"י ברענגט דעם טעם פון רבי משה הדרשן: **"משל לבן שפחה שטינף פלטין של מלך אמרו תבא אמו ותקנח הצואה כך תבא פרה ותכפר על העגל"** - די מאמע ווישט אויף די שמוץ פונעם קינד. דארף מען פארשטיין וויאזוי גייט דאס צו, וואס איז געווען דער 'שורש' פונעם חטא המדבר, און מיט וואס ווערט דאס פארראכטן דורכן פרה אדומה?

**ג)** מען זאגט ביי די יוצרות: **"לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ"** - דער פרה אדומה האט גערייניגט טמא'נע מענטשן - ווען מען האט געשפריצט מיט די 'אפר הפרה', און מטמא געווען די טהור'ע מענטשן - וועלכע האבן עוסק געווען דערין. דארף מען פארשטיין דעם אויספיר 'באומר קדוש', וואו קומט דאס דא אריין?

#### גלייבן באמונה – אפילו עס איז דא סתירות אין 'שכל'

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער יסוד פון א איד איז, אז ער זאל זיין שטארק אויסגעבויעט מיט די אמונה און השקפה הטהורה, אזוי ווייט, אז ער זאל נישט ווערן צומישט פון קיין שום 'סתירות' - וואס עס שטימט אים נישט מיטן **שכל**. ווייל אין אידישקייט איז פאראן זאכן וואס זעען אויס ווי סתירות; ווי 'ידיעה' און 'בחירה' וכדומה,

וואס א איד דארף גלייבן אין **ביידע** צוזאמען - כאטש ער פארשטייט עס נישט מיטן שכל! די אמונה דארף זיין העכער פונעם שכל.

**גלייבן באמונה – אפילו עס איז דא סתירות 'בחוש'**

**אזוי** איז אויך פארהאן פארשידענע סתירות **בחוש**, וואס דאס וואס מען זעט מיט דער אויג - שטימט נישט מיט דאס וואס מען גלייבט; ווי למשל 'צדיק ורע לו רשע וטוב לו', אדער אמאל זעט מען איינער ווערט ניזוק אויפן וועג צו א מצוה, און עס שטימט נישט מיטן 'שלוחי מצוה אינן ניזוקין'; ווי די גמרא (קידושין לט:) רעדט שוין פון דעם, וכדומה. און די גאנצע עבודה פון א איד איז, אז ער זאל נישט נתפעל ווערן פון דאס וואס ער זעט מיטן אויג, נאר ער זאל גלייבן אז דער 'אמת' איז **נאר** דאס וואס די תורה הקדושה זאגט! איי, מען זעט מיטן אויג אנדערש? דארף דאס א ישוב, אבער עס פרעגט גארנישט אף דעם אמת פון דער תורה און אמונה.

**אידן וואלטן געדארפט גלייבן אז משה רבינו וועט אראפקומען אינעם פערציגסטן טאג**

**משה** רבינו האט געהאט געזאגט פאר אידישע קינדער, אז נאך פערציג טעג וועט ער אראפקומען פון הימל. און אידן האבן געמאכט דעם חשבון, און עס איז זיי אויסגעקומען א 'סתירה', אז עס איז שוין דער פערציגסטער טאג און למעשה איז ער נאכנישט דא. נאכדערצו איז נאך צוגעקומען, דאס וואס זיי האבן **געזען** מיט די אויגן אויפן הימל, ווי מען טראגט משה רבינו אין א מטה, וואס דאס האט זיי נאכמער צומישט און געוויזן פאר זייערע אויגן א בילד, אז כאילו משה רבינו קומט שוין קיינמאל נישט מער צוריק אראפ. נו, וואלטן אידן געדארפט זאגן: "עס אינטערעסירט אונז נישט וואס מיר זעען מיט די אויגן, נאר מיר האלטן זיך ווייטער מיט די אמונה אין די ווערטער פון משה רבינו! ער וועט זיכער צוריק אראפקומען אינעם פערציגסטן טאג - טראץ אלע סתירות!".

**חטא המדבר: די 'סתירות' האבן אפגעשוואכט די אמונה**

**אבער** ליידער האבן אידן זיך געלאזט צומישן פון די סתירות, און האבן מחליט געווען אז ער קומט שוין נישט אראפ, און דעריבער זענען זיי געגאנגען מאכן אן עג'. קומט אויס, אז דער

'שורש' פונעם חטא, איז געווען דאס וואס זיי האבן זיך געלאזט פארנארן פון די סתירות קעגן די אמונה.

###### פרה אדומה: מען גלייבט אפילו ווען עס איז דא סתירות

**דערפאר** האט דער אייבערשטער געהייסן מען זאל מאכן א פרה אדומה, וואס די גאנצע זאך איז א 'חקה', מען פארשטייט נישט דעם טעם דערפון, עס שטימט נישט מיטן שכל, און פארקערט, מיטן שכל זעט מען דערין אזעלכע סתירות, אז פון איין זייט זאגט די תורה אז דאס איז מקדש און מטהר, און פון צווייטן זייט זאגט די תורה, אז דאס איז מטמא! מיטן שכל קען מען נישט צוזאמשטעלןביידע אינאיינעם. אבער א איד גלייבט אז ביידע זענען אמת! און כאטש איך פארשטיי עס נישט מיט מיין שכל - דאך גלייב איך אז אזוי איז דער רצון ה'. און דוקא דאס, איז דער תיקון אויפן חטא המדבר, וואס דארטן האט געפעלט דער כח האמונה צו זיין אזוי שטארק מיט די אמונה, אפילו ווען עס איז 'מלא סתירות'. און יעצט דורכן מקיים זיין די מצוה פון פרה אדומה באקומט מען א תיקון אויף דעם.

###### טאקע ווייל עס איז 'חקה', איז עס מכפר אויפן חטא המדבר

**מיט** דעם ווערט מיושב די סתירה צווישן די צוויי רש"י'ס, אז פריער זאגט ער אז דאס איז א 'חקה' אן קיין טעם, און שפעטער זאגט ער פון רבי משה הדרשן, אז דער טעם פון פרה אדומה איז, צו מכפר זיין אויפן חטא המדבר. נאר לויט דעם איז טאקע זייער גוט, אז דאס גופא וואס מען איז מקיים א מצוה וואס איז א 'חקה', עס האט נישט קיין טעם, עס איז דא דערין סתירות - דאס איז טאקע דער כפרה אויפן חטא המדבר - וועלכע האט געשטאמט פון נאכגיין דעם שכל איבער די אמונה.

###### איין תירוץ אויף אלע קושיות: אזוי וויל דער הייליגער באשעפער!

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם יוצר: "**לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ**" - דער תכלית פונעם פרה אדומה איז געווען, אז א איד זאל זען א סתירה פאר זיינע אויגן, אז דא זאגט מען אז עס איז 'מטהר טמאים' און דא זאגט מען אז עס איז 'מטמא טהורים', נו ווי קען זיין אזעלכע צוויי סתירה'דיגע זאכן ביי די זעלבע מצוה? אבער

דער איד זאל זיך אליינס מחזק זיין: "**בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ**" - אזוי האט דער הייליגער באשעפער געזאגט! איך דארף נישט פארשטיין מיט מיין קליינעם שכל דעם דעת פונעם הייליגן באשעפער! איך דארף נאר גלייבן אז דאס איז דער אמת, אפילו אויב איך פארשטיי עס נישט.

**די סתירה פון 'בטחון' און 'השתדלות'**

**אינ'אמת'ן** איז **דער** יסוד זייער וויכטיג טאג טעגליך, בפרט אינעם ענין פון פרנסה, וואס א איד דארף גלייבן אז דער אייבערשטער אליינס איז אים 'זן ומפרנס', און אלע זיינע השתדלות'ן ברענגען אים נישט מער אדער ווייניגער, עס איז נאר א 'חובת השתדלות', אבער עס מאכט גארנישט אויס; ווי דער חובת הלבבות איז מאריך אין שער הבטחון. און ווי תוספות (שבת לא. ד"ה אמונת) ברענגט א לשון פון ירושלמי: "שמאמין בחי העולמים וזורע" - ער פלאנצט און זייעט איין, אבער ער גלייבט אינעם אייבערשטן! ער גלייבט אז עס וואקסט נישט צוליב זיין אקערן און זייען - נאר צוליב וואס דער אייבערשטער מאכט עס וואקסן! און א איד דארף זיין אזוי שטארק אויסגעבויעט מיט דער אמונה, אז אפילו ווען מיטן אויג זעט ער אנדערש, ער זעט אז א טאג וואס ער מאכט אסאך השתדלות - האט ער מער, און א טאג וואס ער מאכט ווייניג השתדלות - האט ער ווייניגער, דארף ער גלייבן אז דער אמת איז נאר דאס וואס דער חובת הלבבות זאגט, און דער אויג נארט אים נאר! דאס וואס ער זעט מיטן אויג - איז גארנישט מיט נישט. דאס איז דער יסוד פון א איד נישט נתפעל צו ווערן פון 'סתירות'.

**כאטש מיטן 'אויג' זעט אויס ווי 'השתדלות' העלפט – האף איך נאר צום אייבערשטן**

**מיט** דעם קען מען טייטשן דאס וואס מען זאגט: "וכל עין לך תצפה" - יעדעס אויג האפט צו דיר. לכאורה איז שווער, דער אויג איז דען דער וואס האפט? דאס הארץ איז דאך דער וואס האפט, נו וואלט געדארפט שטיין 'וכל **לב** לך תצפה'? נאר מען מיינט צו זאגן, אז כאטש מיטן אויג זעט זיך אויס כאילו עס ווענדט זיך אין מיין אייגענע השתדלות, **מיין** אקערן און **מיין** זייען - דאך בין איך 'מצפה' נאר צו דיר! ווייל מיין אמונה איז העכער פון מיין אויג! איך גלייב, אז אלץ וואס איך דארף ארבעטן איז נאר ווייל 'בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ', ווייל דאס איז

דער רצון ה׳, אבער אינ׳אמת׳ן קומט די השפעה בלויז פונעם ׳אוֹמֶר קָדוֹשׁ׳ אליינס, און נישט פון מיין השתדלות.

**דער כח פון פרשת פרה – אויסרייניגן פון חסרון האמונה**

**קומט** אויס, אז די קריאה וואס מען הײנט געליינט, האט א געוואלדיגן כח הטהרה, אונז אויסצורייניגן פון אלע ׳סמיות עינים׳ און קושיות וואס א איד האט חלילה אמאל, וואס ער וויל פארשטיין די הנהגה העליונה. אדער חלילה וואס ער האט זיך אמאל עפעס איינגערעדט אז ער טוט עפעס אויף מיט זיין השתדלות, וכדומה. פון די אלע טומאות ווערט מען אפגערייניגט דורכן כח פון פרשת פרה, וואס א איד חזר׳ט זיך איין, אז עס מעג זיין די גרעסטע סתירה - שרעק איך זיך נישט און איך בלייב שטארק מיט די אמונה הקדושה.

**דאס איז גורם אז אפילו דער גוף ווייסט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט**

**דער** קדושת לוי (לא מצאתי) זאגט, אז אין חודש תשרי ווייסט די **נשמה** אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, און אין חודש ניסן ווייסט דאס אפילו דער **גוף**. לויט ווי מיר האבן געזאגט, קען זיין אז דאס קומט טאקע פון דער הכנה פון פרשת פרה. ווייל עס איז מדה כנגד מדה׳, פונקט ווי ער האט גע׳פועל׳ט ביי זיך, אז קיין שום קושיא זאל אים נישט קענען פאַרשטעלן פון די ריינע אמונה - אפילו אויב ער וועט זען מיטן אויג פארקערט, וועט דער ׳ראיה׳ וואס ער זעט מיט די אויג - נישט האבן קיין שום ווערד כלפי די אמת׳ע אמונה, נאר ער וועט ווייטער גלייבן באמונה שלימה - אזוי העלפט מען אים אויך פון הימל, אז זיין גוף זאל נישט זיין קיין ׳מסך המבדיל׳ צו פארשטעלן פון אים דעם אמת, צו וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, נאר ער זאל ווערן מזוכך און שפירן דעם אמת.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז מען זאל זוכה זיין צו די טהרה פון פרה אדומה, צו ווערן ריין פון אלע קושיות און סתירות, נאר צו גלייבן באמונה שלימה אין אלע ענינים וואס א איד דארף צו גלייבן. און מיר זאלן מיר טאקע זוכה זיין בפועל צום אפר פרה, און צו מאכן דעם קרבן פסח נאך היי יאר בביאת גואל צדק במהרה בימינו, אמן.

## לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין דעם אויספיר 'באומר קדוש', וואס האט דאס א שייכות צום 'לטהר טמאים' און 'לטמא טהורים'?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. מען האט שוין אסאך מאל גערעדט פונעם עבודת ישראל, וואס ער רעדט ארום באריכות אויף עטליכע פלעצער (לשבת זכור ד"ה ואגב נבאר, ועוד), אז די שיטה פון אלע פארצייטישע אפיקורסים איז געווען, אז **רם ה'**, דער אייבערשטער איז זייער גרויס און זייער הייליג, און דעריבער פאסט נישט פאר אזא גרויסן באשעפער, אז **ער** אליינס זאל זיך אפגעבן מיט די מעשה התחתונים, און דערפאר האט ער חלילה איבערגעגעבן די גאנצע הנהגה פון דער וועלט צו די מלאכים און מזלות, אז זיי זאלן דאס פירן עפ"ל.

**אבער** דער יסוד האמונה וואס א איד דארף גלייבן איז - זאגט דער עבודת ישראל - אז כאטש דער אייבערשטער איז טאקע זייער גרויס און הייליג, דאך איז ער משגיח און פירט אלעס פון גרויס ביז קליין. און פארקערט, אונזער אמונה קומט פון אסאך א גרעסערע השגה אין גדלות ה', וואס מיר גלייבן אז דער אייבערשטער איז אזוי הייליג 'בלי סוף', אז פאר אים איז די זעלבע 'השפלה' - כביכול - צו משגיח זיין אויף מלאך מיכאל, ווי צו משגיח זיין אויף א בשר ודם! ווייל א מלאך איז דאך אויך 'גארנישט' כלפי דעם אין סוף ברוך הוא! נאר דער אייבערשטער וויל דוקא זיך אראפלאזן און משגיח זיין אויף זיינע ברואים! און ממילא איז נישט קיין חילוק צווישן אויבן און אונטן, און פונקט ווי ער איז משגיח אויף די עולמות העליונים, איז ער אויך משגיח אויף דער נידריגער וועלט.

**קומט** אויס, אז דאס ווארט 'קָדוֹשׁ' זאגט סיי דער איד און סיי להבדיל דער גוי, אבער נאר ביים איד איז עס הייליג, ווייל ווען דער גוי זאגט 'קָדוֹשׁ' - איז עס אפיקורסות! ביים גוי מיינט 'קָדוֹשׁ', אז דער אייבערשטער איז הויך און ער קוקט זיך נישט אום אויף דער נידריגער וועלט, און פון דעם קומט ער צו 'כפירה בכל התורה כולה'. אבער ווען דער איד זאגט 'קָדוֹשׁ' מיינט ער צו זאגן, אז **מצד עצמותו**

איז דער אייבערשטער הייליג און דערהויבן העכער אלע נבראים און האט נישט קיין שייכות צו זיי מצד עצמותו! אבער למעשה איז ער 'מלא כל הארץ כבודו', ער לאזט זיך אראפ און איז משגיח און רוהט אויבן און אונטן און איבעראל אייניג.

**דאס** זאגט דער יוצר: "**לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ**".

דאס הייסט, אינעם ענין פון בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ - זאגן קדוש אויפן אייבערשטן איז פארהאן דערין צוויי אופנים וויאזוי מען קען דאס זאגן, עס איז פארהאן וואס א **איד** זאגט קדוש, דעמאלט איז עס **לְטַהֵר טְמֵאִים** - עס רייניגט דעם מענטש וואס זאגט עס און גיבט אים א קדושה וטהרה. ווייל ער זאגט עס מיט א כונה אז דער אייבערשטער איז הייליג **און געפונט זיך איבעראל**. עס איז אבער פארהאן אן אנדערע וועג וויאזוי דער **גוי** זאגט 'קדוש' וואס דעמאלט איז דאס **לְטַמֵּא טְהוֹרִים** - עס איז מטמא דעם מענטש וואס זאגט עס. ווייל ער זאגט עס מיט א כונה, אז דער אייבערשטער איז הייליג און דערהויבן, און ער קוקט זיך **נישט** אום אויף אונזער וועלט רחמנא ליצלן מהאי דעתא, וואס זיי געבן אריין אינעם 'אין סוף ברוך הוא' א גבול, דאס פאסט יא און דאס פאסט נישט. און מיט אזא מין 'קדוש' איז מען 'מטמא טהורים', ווייל דאס ברענגט זיי צו די ערגסטע טומאות און אפיקורסות, און רייסט זיי אפ פונעם מקור הקדושה רחמנא ליצלן.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** דאס איז א שטארקע הכנה און א ידיעה. עס קומען

יעצט די הייליגע טעג, אידן זענען מקיים מצות און מעשים טובים, במחשבה, דיבור און מעשה. אזא הייליגער חודש ווי דער חודש אדר און דער חודש ניסן. דארף מען וויסן וואס איז טייטש 'א איד' - באומר קדוש! אז יעדעס ווארט, און יעדע תנועה, און יעדע מחשבה און דיבור - דאס איז דער רצון הבורא געטון! מיט דעם טוט מען א נחת רוח פארן אייבערשטן! [אפילו] דער 'שפל שבשפלים', דער 'גארנישט מיט גארנישט' - אבער דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט פאר **אים**! אז ער זאל תשובה טון און ער זאל אויך מקיים זיין די מצות החג הקדוש, און דער אייבערשטער האט א נחת רוח פון אים!

**און** [דורכן] דאס וויסן בברירות שלימה מיט אמונה שלימה, אזוי ארום קען מען צוגיין צום הייליגן יום טוב, אז מען זאל וויסן אז דער גאנצער 'פסח' וואס איז דא, וואס דער אייבערשטער האט מוציא געווען אידן פון מצרים, [איז] דער תכלית געווען 'קבלת התורה', און דער תכלית איז געווען צו טון א נחת רוח פארן אייבערשטן.

**עס** איז דאך א זמן פון "מסמיך גאולה לגאולה" (מגילה ו:). [פסח איז] 'הוציאנו מעבדות לחירות', איז דאך דא עטליכע פשטים [דערויף], [פשוט מיינט מען] דער 'גוף' [איז געווארן באפרייט]. [אבער] עס איז פארהאנען [א פשט, אז] דער 'נפש' ווערט אויסגעלייזט; [ווי מען זאגט]: "**בגלותי** לגאלני".

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה. און ביז דעמאלט זאלן מיר זוכה זיין אויסגעלייזט צו ווערן פון די 'טומאות', פון די 'מחשבות' מיט די 'מעשים' [וואס טויגן נישט]. עס שטייט אזוי אין אלע ספרים אין [נאמען פונעם] חסד לאברהם[ב]: "יעדן טאג פון די דרייסיג טעג [בין פורים לפסח] גייט מען ארויס א **חלק** פון די טומאה! מען קומט צו צום 'ליל התקדש חג' - איז דער **גאנצער** איד שוין ארויס **אינגאנצן** פון די טומאה, און ער גייט אריין אין די קדושה!". און דאס איז אלעס, ווען א איד גיבט זיך אביסעלע א בארעכן.

**וויאזוי** [און] אויף וועלכען מצב מען איז, [אבער] עס איז נישט פארהאנען אזא זאך ווי 'א איד איז [צו] ווייט'. ובפרט אין די

ב מעין ב' נהר נז - סוד נפלא מענין השבתת חמץ ואכילת מצה: אחר שיצאו ישראל ממצרים ואילך מה עשה הקדוש ברוך הוא חשב מחשבות לבלתי ידח ממנו נדח, וצוה לישראל בכל שנה שיעשו ז' ימי פסח בהשבתת חמץ ובאכילת מצה. וסוד הענין הוא כי היותר רשע שבישראל אף על פי שירבה לפשוע ולהריע אי אפשר לכנוס בהיכל הנ' של טומאה עד שירשיע ויפשע ד' מאות ימים רצופים זו אחר זו. ובכל שנה ושנה שלשים יום קודם הפסח הש"י עושה להם לישראל משא פנים ברוב חסדיו, ומתחיל להוציא נפשותם מהיכלות הטומאה מעט מעט שיעור חלק אחד משלשים בכל לילה, באופן שבליל ביעור חמץ כל פושעי ישראל עומדים בפתח היכל החיצון מהנ' שיעור חלק אחד משלשים משיעור הכמות שהיו נכנסים ליל שלשים ואחת קודם הפסח, ובליל פסח אינם נכנסים כלל ועיקר וכולם פטורים ובני חורין, וגזרה חכמתו יתברך להיות חירות נפשות בשלשים יום מעט מעט שלא ירגיש סמא"ל כל כך צער ולא יקטרג, מסכ"י:

הייליגע שלשים ימים הקדושים, וואס דער אייבערשטער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים און אונז מקרב געווען צו די קדושה, און דאס ווערט [דאך] נתעורר בכל שנה ושנה. יעדער איד קען אויס׳פועל׳ן אלע ישועות והשפעות טובות וואס האט נישט קיין שיעור און קיין ערך.

**דער** אייבערשטער זאל מעורר זיין אידישע הערצער, און מיר זאלן זוכה זיין מקבל צו זיין די הייליגע טעג, מקיים צו זיין די מצות כדבעי למהוי, מיט נחת און מיט געזונט, און מיט שמחה און מיט אלעם גוטן, זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ.

**א)** מען דארף פארשטיין וואס איז דער שייכות פון דעם אויספיר ׳באומר קדוש׳, צום ׳לטהר טמאים לטמא טהורים׳?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין וואס איז דער המשך פון פרשת פרה צום פרשת זכור וואס מען האט געליינט פארגאנגענע וואך?

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. ביי עמלק זעט מען דאך, אז ווייל ער האט **איינמאל** געזינדיגט מיטן קומען מלחמה האלטן קעגן אידן, איז שוין דא א ציווי פון ׳מחה תמחה את זכר עמלק׳, אז מען זאל אים אויסמעקן אויף אייביג, און דער אייבערשטער ווייל אים מער קיינמאל נישט מוחל זיין.

**ווידער** אבער, ביי אידישע קינדער זעט מען פארקערט, אז כאטש זיי האבן געזינדיגט מיט אזויפיל חטאים - דאך האבן זיי כסדר תשובה געטון און דער אייבערשטער האט זיי אלעמאל מוחל געווען; ווי מען זעט טאקע דא ביי פרה אדומה, אז כאטש אידן האבן געטון אזא גרויסער חטא ווי דער חטא המדבר, דאך האט דער אייבערשטער געהייסן ברענגען א פרה אדומה וואס דאס וועט מכפר זיין אויף דעם חטא; ווי רש״י זאגט: ״תבא אמו ותקנח צואת בנה״. זעט מען, אז ביי אידן איז פארקערט, ביי זיי איז נישטא אזא זאך ווי ווערן אויסגעמעקט

חס ושלום, נאר אלעמאל העלפט תשובה און דער אייבערשטער איז זיי שטענדיג מוחל.

**די** סיבה דערצו קען זיין, ווי עס שטייט אין דברי יחזקאל (לר"ה ד"ה מדרש) אויפן מדרש (ויק"ר כט, א): **"כי אעשה כלה בכל הגוים אשר הדחתיך שמה, אומות העולם שהן מכלין שדותיהן אעשה כלה, ואותך לא אעשה כלה, אבל ישראל שאין מכלין את שדותיהן כמה דאת אמר לא תכלה פאת שדך, לא אעשה כלה"** - די גוים וועלכע לאזן נישט איבער קיין 'פאה' - וועלן אינגאנצן פארלענדט ווערן, און די אידן וועלכע לאזן יא איבער 'פאה' - וועלן נישט ווערן פארלענדעט. איז דער דברי יחזקאל מסביר דעם פשט, אז א איד, אפילו בשעת ער זינדיגט חלילה - בלייבט אבער איבער א רושם פון קדושה בשעת מעשה, וואס ער ווייסט ביי זיך אז די תורה לאזט דאס נישט טון, און עס אַרט אים אז ער טוט יעצט קעגן רצון הבורא. און דאס רופט זיך 'פאה', אז עס בלייבט איבער עפעס אן עק אינם הארץ - וואו דער חטא קומט נישט צו. און דאס זאגט דער מדרש, אז צוליב דעם 'פאה' וואס בלייבט איבער בשעת'ן חטא - וועט ער צום סוף תשובה טון. מה שאין כן דער גוי, וואס ער זינדיגט מיטן גאנצן הארץ, מיט אלע רמ"ח אברים ושס"ה גידים, איז נישט שייך אז ער זאל תשובה טון.

**קומט** אויס, אז 'פרשת פרה' איז דער היפוך פון 'פרשת זכור', ווייל פרשת זכור ברענגט ארויס דער 'תמחה' און 'כליון' פונעם עמלק - צוליב דעם וואס ער האט איינמאל געזינדיגט. און פרשת פרה ברענגט ארויס, דעם כח פון א איד, אז ער איז א נצחיות און ער ווערט קיינמאל נישט אויסגעמעקט און פארלענדעט, נאר ער טוט תשובה און דער אייבערשטער איז אים מוחל.

**דאס** זאגט דער יוצר: **"לְטַהֵר טְמֵאִים"** - ביי א איד איז דא א 'טהרה' אפילו נאכדעם וואס ער איז טמא געווארן. איי, ווועסטו פרעגן: וואס איז ער אנדערש ווי דער עמלק פון פארגאנגענע וואך, וואס ער קען נישט ווערן צוריק טהור, נאר מען דארף אים אויסמעקן? אויף דעם ענטפערט ער: **"לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ"** - די סיבה איז, ווייל אפילו בשעת א איד איז חלילה מטמא זיין ריינע נשמה - **לְטַמֵּא טְהוֹרִים** - אפילו דעמאלט טראכט ער - **בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ** - פונעם ציווי

און 'אמירה' פונעם 'קדוש', אז דער הייליגער באשעפער האט געזאגט אז מען זאל דאס נישט טון, און עס טוט אים וויי.

**מען** קען אפשר טייטשן דעם "**לְטַהֵר טְמֵאִים לְטַמֵּא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ**" אויף אן אנדערן אופן.

**דער** עבודת ישראל (פרשת בלק ד"ה וישת) רעדט ארום באריכות, אויף דעם מאמר חז"ל (ברכות לב:): "**גם אלה תשכחנה זה מעשה העגל, ואנכי לא אשכחך זה מעשה סיני**" - דער אייבערשטער וועט פארגעסן דעם חטא המדבר, דעם 'אלה' אלהיך ישראל, אבער ער וועט נישט פארגעסן דעם נעשה ונשמע וואס אידן האבן געזאגט ביי קבלת התורה - 'אנכי' ה' אלקיך. זאגט דער עבודת ישראל א פשט דערין, אז ווען א מענטש וועלכער קומט פון א חשוב'ע משפחה וואס זיינע עלטערן זענען גוטע מענטשן, איז נישט אזא גרויס רבותא אז ער פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין, ווייל דאס איז דאך זיין טבעיות. אבער אויב א מענטש קומט פון א פראסטע משפחה, און **ער אליינס** האט צובראכן דעם שלעכטן טבעיות, און ער האט זיך גענומען אין די הענט אריין צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, דעמאלט איז דאס שוין א גרויסע רבותא און עס קומט אים אסאך א גרעסערן שבח, ווי פארן ערשטן וואס האט דאס בירושה פון זיינע עלטערן.

**זאגט** דער עבודת ישראל: בשעת ווען אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע' האט מען געמיינט, אז דאס איז נישט אזא גרויסע רבותא, ווייל דאס האבן זיי בטבעיות בירושה פון זייערע הייליגע אבות. אבער נאכדעם וואס אידן האבן פערציג טעג שפעטער געמאכט אזא חטא, איז נתגלה געווארן, אז זיי האבן אין זיך א שלעכטן טבעיות. ממילא, איז למפרע דער 'נעשה ונשמע' געווארן אסאך חשוב'ער, ווייל אויב זיי זענען טאקע אזעלכע פשוט'ע מענטשן, און **דאך** האבן זיי צובראכן זייער טבעיות און געזאגט 'נעשה ונשמע' - קומט זיך זיי דאך גאר א גרויסן שבח.

**מיט** דעם טייטשט דער עבודת ישראל: "**גם אלה תשכחנה זה מעשה העגל**" - דעם **עצם** חטא המדבר וועט טאקע דער אייבערשטער פארגעסן, וויבאלד אידן האבן תשובה געטון, אבער "**ואנכי לא**

**אשכחך זה מעשה סיני"** - דער חלק וואס איז נוגע כלפי דעם 'נעשה ונשמע' וואס אידן האבן געזאגט ביים בארג סיני - וואס דורכן חטא המדבר ווערט דאך דאס אסאך חשוב'ער- דאס וועל איך נישט פארגעסן, כדי ארויסצוברענגען א גרעסערן שבח אויף כלל ישראל.

**דאס** קען זיין פשט אינעם יוצר: "**לְטַהֵר טְמֵאִים**" - אידישע קינדער זענען טמא געווארן דורכן חטא המדבר, און דער פרה אדומה איז געקומען מטהר זיין און אינגאנצן אפווישן דעם חטא. ווערסטו אבער מיינען, אז מען וועט אויף פארגעסן זייער גרויסע מעלה, אז כאטש זיי זענען אזעלכע פשוט'ע מענטשן, דאך האבן זיי געזאגט אזעלכע הייליגע דיבורים ווי 'נעשה ונשמע', אויף דעם זאגט ער ניין: "**לְטַמֵא טְהוֹרִים בְּאוֹמֶר קָדוֹשׁ**" - דעם חטא המדבר געדענקט מען נאך כלפי דעם חלק, ארויסצוברענגען דערמיט די מעלה פון אידישע קינדער, וואס מען איז געוואויר געווארן למפרע, אז בשעת ווען זיי זענען געווען אזעלכע '**טְהוֹרִים**', און עס איז געווען אזא '**אוֹמֶר קָדוֹשׁ**' - זיי האבן געזאגט אזא הייליגן 'נעשה ונשמע', זענען זיי דעמאלט געווען "**לְטַמֵא טְהוֹרִים**", זיי האבן געהאט א שלעכטן טבעיות און זיי האבן זיך צובראכן פארן אייבערשטן, וואס דאס ברענגט ארויס דעם גרויסן חשיבות פון א איד.

## דברי כיבושין

**על כל פנים, היוצא לנו מזה:** אז עס קומט טאקע די הייליגע שבתים, וואס איז רומז אויף דעם חשיבות פון א איד, פרשת זכור און פרשת פרה ווי מיר האלט מיר אלעס, פון דאס אלעס בויעט זיך **אויף** דער חשיבות פון א איד, וואס מען זאל צוקומען צו דעם הייליגן יום טוב, צום הייליגן פסח זאל מען צוקומען טאקע, אז א איד זאל וויסן אויף אלע אופנים וואו ער האלט, קען ער נתעלה ווערן און דערגרייכן צו די אורות פון דעם פסח.

**עס** שטייט דאך אין קדושת לוי, אז [חודש] **תשרי** איז די **נשמה** ווייסט און איז מרגיש אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט, [חודש] **ניסן** איז אפילו דער **גוף** מרגיש. קומט דאך אויס, אז דער גוף ווערט אזוי נזדכך 'ניסן' אז דער גוף איז אויך מרגיש, זעט מען דאך

דאס אלעס מיט די בחינה וואס מיר האבן גערעדט [אז אפילו בשעת חטא איז ער אויך קדוש].

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן מיר זוכה זיין צו צוקומען צו די הייליגע ימים טובים, מתוך נחת והרחבה, עס זאל טאקע מקוים ווערן ׳ בניסן נגאלו ובניסן עתידין לגאול׳, מיר זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

**הרה״ק רבי ר׳ אלימלך מליזענסק זי״ע**
**כ״א אדר תקמ״ז לפ״ק**

**די תעניתים פונעם רבי׳ן ר׳ אלימלך האט געברענגט הרהורי תשובה**

**דער** הייליגער רבי ר׳ אלימלך האט נישט געהאלטן פון דעם דרך פון תעניתים[ג], ווייל די היינטיגע דורות זענען צו שוואך דאס צו פארנעמען. אזוי ווייט, אז ער האט געזאגט: ״ווען איך וואלט געווען בכח, וואלט איך מבטל געווען די ד׳ תעניתים וואס חז״ל האבן מתקן געווען״.

**אבער** ער פאר זיך, האט יא געפאסט אסאך תעניתים. ער האט געפאסט איין און צוואנציג יאר משבת לשבת. זיבן יאר - פאר זיך, זיבן יאר - פאר די קינדער און זיבן יאר - פאר די וועלט.

ג **עי׳ מאור ושמש פרשת וילך ד״ה שובה, וזל״ק:** ויראה כי הנביא מבאר לנו ומורה הדרך אשר בה נלך בעבדות בוראינו יתברך ודרכי התשובה הנכונה, כי הנה ישנם אנשים אשר יחשבו כי תוכן התשובה הוא יום ענות אדם נפשו בתעניתים וסיגופים, ואולם לא בזה בחר ה׳ **ובפרט בדורות האלו צוה לנו אדמו״ר הרב האלקי הקדוש מו״ה אלימלך זצוק״ל לבל יתענו יותר ממה שציוו חז״ל כי כשל כח הסבל לסבול התעניות והסיגופים ואין באפשרי לקנות שלימות על ידי תעניתים**, זולת מי שבטוח על כוחו ואונו שיהיה יכולת בידו לקבלם, או פגם חס ושלום בעבירות חמורות יבוא לפני צדיקי הדורות להורות לו תשובה, וכל ערום יעשה בדעת.

**מיט** דעם שטימט דער מימרא וואס דער ערשטער בעלזער רב זצ"ל האט געזאגט: "אלעס וואס א איד **האט** תשובה געטון, און וואס א איד **טוט** תשובה, און וואס א איד **וועט** תשובה טון - איז אלעס אין זכות פונעם רבי'ן ר' אלימלך". ווייזט אויס, אז דאס איז אויך געווען נכלל אין זיינע תעניתים פאר די **וועלט**.

**עבודת האכילה למעלה מהשגתינו**

**די** וועלט ווייסט נאר פון די **תעניתים** פונעם רבי'ן ר' אלימלך, מען ווייסט אבער נישט פון דעם 'עבודת האכילה' פונעם רבי'ן ר' אלימלך. דער טאטע זכרונו לברכה פלעגט דערציילן א מעשה וואס ער האט געהערט פון אן אייניקל אדער אן אור אייניקל פונעם מאור ושמש זצ"ל.

**האט** ער דערציילט, אז זיין זיידע דער מאור ושמש איז אמאל געפארן קיין ליזענסק, און אויפן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין לאנצוט (עס איז נישט ווייט פון ליזענסק), און דארטן האט דאך געוואוינט דער הייליגער חוזה זצ"ל. האט אים דער חוזה געפרעגט: "אפשר בלייבט איר ביי אונז אויף שבת?", האט דער מאור ושמש געענטפערט: "אויב דער רבי וועט מיר אויסלערנען **עסן** ווי דער רבי ר' אלימלך - וועל איך בלייבן אויף שבת". האט דער חוזה געזאגט: "ניין, דאס נעם איך זיך נישט אונטער!". איז דער מאור ושמש געפארן קיין ליזענסק. האט ער געזען ווי דער רבי ר' אלימלך לייגט צוזאם די תפילין נאכן דאווענען און ער גייט זיך וואשן צום אנבייסן. האט מען אריינגעברענגט צוויי 'הויז-ברייטלעך' (אינדערהיים האט מען גערופן א גרויסן ברויט - וועלכע איז באשטאנען פון פינף זעקס קילא - א הויז-ברייטל). **דער** מאור ושמש איז געזעסן אין דער זייט, און ער האט געזען ווי דער רבי ר' אלימלך ברוב קדושתו האט אויפגעגעסן ביידע הויז-ברייטלעך. דערנאך האט מען אריינגעברענגט א גרויסן פאַן מיט 'געדישעכטס' (דאס איז געווען אזא מאכל אינדערהיים, וואס מען האט גענומען מעל און איינגעקאכט אין וואסער), און דער פאַן איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט עס געדארפט האלטן מיט ביידע הענט. און דער רבי ר' אלימלך האט אויפגעגעסן דאס גאנצע געדישעכטס. דערנאך האט מען אריינגעברענגט צוויי ליטרעס פלייש (דאס איז געווען א גרויסער מאס), און דער רבי ר' אלימלך האט דאס אינגאנצן אויפגעגעסן. דערנאך האט

מען אויפגעגעבן א גרויס קריגל ביר, און דער רבי ר׳ אלימלך האט דאס אויסגעטרונקען. דערנאך האט זיך דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך אויסגעדרייט צום מאור ושמש: **״קאַלמיש׳ל, קאַלמיש׳ל, ווען מיילער איז געווען יונג, האט מיילער געקענט עסן, היינט קען מיילער נישט עסן!״.**

מיר האבן נישט קיין השגה, נישט אין זיינע תעניתים און נישט אין זיין עסן...

**זיך מחזק געווען מיט די תלמידים...**

**דער** הייליגער רבי ר׳ אלימלך זצ״ל איז אמאל געזעסן, און ער איז געווען דערשלאגן ביי זיך, זאגענדיג ׳אז אפילו דער גיהנם איז נישט גענוג פאר אזא איינעם ווי אים׳... זיצנדיג אזוי, קומט פלוצלינג אן א וועגעלע פון זיינע תלמידים, דארט איז געווען דער רבי ר׳ זושא זצ״ל, דער רבי ר׳ משה לייב סאסובער זצ״ל, רבי מענדעלע רימנובער זצ״ל, דער קאזניצער מגיד זצ״ל (דוכט זיך מיר, אז אויך דער אפטער רב זצ״ל). ווי דער רבי ר׳ אלימלך האט דערזען זיינע הייליגע תלמידים, האט ער געזאגט: ״עס קען דאך נישט זיין אז איך זאל גיין אין גיהנם, ווייל ׳הרב שגלה מגלין ישיבתו עמו׳ (מכות י.), און דאס קען דאך נישט זיין, ווייל **זיי** זענען דאך צדיקים, ממילא וועל איך ניצול ווערן אין זייער זכות!״. אזוי האט ער זיך מחזק געווען.

א שיינע פאָר ווארילע אידן געווען אויף אזא וועגעלע...

**יראה מיינט פארכט...**

**עס** איז אמאל געווען הושענא רבה ביינאכט, איז געזעסן דארט א בראדער איד און געזאגט משנה תורה. ווען ער איז אנגעקומען צו פרשת עקב, צו די ווערטער: ״מה ה׳ אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה״, איז דער רבי ר׳ אלימלך צוגעגאנגען צו אים און אים געזאגט: **״איר ווייסט וואס הייסט יראה? יראה מיינט מען ׳פארכט׳!״.** ווי נאר דער איד האט דאס געהערט איז ער פאר׳חלש׳ט געווארן און איז אזוי געלעגן א גאנצע נאכט אויף דער ערד.

**עס** איז געקומען אינדערפרי איז דער זון רבי אלעזר אריינגעגאנגען צום פאטער און געזאגט: ״טאטע, דער איד ליגט נאך דארט אזוי״. איז דער רבי ר׳ אלימלך אריינגעקומען אין בית המדרש, און

מיטן פאטשיילע אים געגעבן אזא וויש דעם שטערן, און ער האט זיך אויפגעשטעלט. האט אים דער רבי אלימלך געזאגט: "**ווען איר וועט אהיימפארן קיין בראד, זאלט איר זיי זאגן וואס טייטשט יראה!**".

**אויף** דער מעשה האט רבי איציקל געזאגט: "אויב האט ער געקענט אריינגעבן אזא בחינה פון יראה אין א צווייטן אריין - איז דאך נישט משיג צו זיין, וואספארא מדרגה פון יראה ער אליינס האט געהאט! נאר וואס דען? **ער** האט געהאט כלים דאס אויסצוהאלטן, אבער יענער האט באקומען אזא בחינת יראה וואס איז געווען מער ווי זיינע כלים - איז ער אוועקגעפאלן!".

**געציטערט ווי ביים יום האחרון**

**דער** רבי ר' מענדעלע רימנובער זצ"ל איז אמאל געווען ביים 'דגל', האט אים דער דגל געבעטן אז ער זאל אים פארציילן עפעס פון זיין רבי'ן דער רבי ר' אלימלך, האט דער רבי ר' מענדעלע אים געזאגט: דער רבי האט געזאגט, "אז אונטערן אויער איז דא אן אדערל וועלכער ציטערט קיינמאל נישט, נאר אינעם לעצטן טאג". אבער **ביי מיין רבי'ן האב איך געזען, אז יעדן ערב שבת נאך די מקוה האט דער אדערל געציטערט!**".

האט דער דגל זיך אנגערופן "די פוילישע האבן געוואוסט וואו צו קוקן"...

**די ציין זענען אים ארויסגעפאלן פון יראת שמים**

**עס** איז אמאל געשטאנען דער חוזה פון לובלין זצ"ל מיטן רבי'ן רבי מענדעלע זצ"ל און געשמועסט, און דער ראפשיצער רב זצ"ל איז אויך דארט געשטאנען. רופט זיך אן דער חוזה צום רבי'ן ר' מענדעלע: "רימנובער רבי, וואו זענען אייערע ציין?". (ער האט נישט געהאט קיין ציין). האט דער רבי ר' מענדעלע געענטפערט: "איך האב מיר דערשראקן, זענען זיי ארויסגעפאלן!". נו, דער ראפשיצער רב איז דאך דער ראפשיצער רב... האט ער באלד געפרעגט ווייטער: "רבי, וואו האט איר זיך דערשראקן?". האט זיך דער רבי ר' מענדעלע פרובירט ארויסצודרייען, אבער מיטן ראפשיצער רב האט מען נישט געקענט מאכן די קונצן... איז ער אים צוגעשטאנען ביז ער האט אים דערציילט:

"**דער** רבי ר' אלימלך האט מיר אמאל געבעטן, אז איך זאל לערנען א שיעור מיט זיין זון רבי אלעזר. האב איך זיך געמאכט א שיעור מיט אים אין חובת הלבבות שער היחוד. עס איז דורכגעגאנגען א שטיקל צייט, האט דער רבי ר' אלימלך געפרעגט דעם זון רבי אלעזר: "עטץ לערנט טאקע א שיעור?", האט ער געענטפערט: "יא!". "וואס לערנט עטץ?". "חובת הלבבות שער היחוד!". שפעטער איז דער רבי צוגעקומען צו מיר און געפרעגט: "וואס עפעס לערנסטו חובת הלבבות שער היחוד?", האב איך געענטפערט: "מען דארף דאך וויסן אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!". האט מיר דער רבי ר' אלימלך צוריקגעזאגט: "וואס?? **דא** איז ער דאך!". אזויווי דער רבי ר' אלימלך האט געגעבן א זאג 'דא איז ער דאך' איז מיר באפאלען אזא יראה אז עס איז מיר ארויסגעפאלן די ציין!".

**איך** האב זיך מתבונן געווען אין דער מעשה: אידןביים קריג זענען נעבעך דורכגעגאנגען אזויפיל פחדים, זיי זענען געווען אונטער ביקסן און רעוואלווערן יעדע מינוט און יעדע רגע. עס איז געווען פחד פחדים, און מען האט טאקע געהערט פארשידענע מעשיות, אז דער גוף איז געווארן איינגעשרומפן, צי דער בארד איז ווייס געווארן וכדומה, אבער איך האב נישט געהערט פון קיינעם אז די ציין איז אים ארויסגעפאלן פון פחד. און דא, אז דער רבי ר' מענדעלע האט זיך דערשראקן פאר פחד ה' - זענען אים די ציין ארויסגעפאלן. נאר ווייזט אויס, אז דער גרעסטער 'מורא בשר ודם' קומט גארנישט צו צום 'מורא שמים' **פון צדיקים**, זייער 'מורא שמים' איז געווען מיט אזא מין פחד, אז די ציין זענען זיי ארויסגעפאלן! עס איז אן אנדערע **סארט** פחד.

**הגם** די גמרא זאגט (ברכות כח:): "**הלואי יהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם**" - רבי יוחנן בן זכאי האט געוואונטשן די תלמידים, אז זיי זאלן מורא האבן פונעם אייבערשטן, אזויווי פון א בשר ודם. "**אמרו לו תלמידיו עד כאן אמר להם ולוואי תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם**" - אז ווען א מענטש איז עובר אן עבירה האט ער נאר מורא אז א מענטש זאל אים נישט באמערקן, און ער האט נישט מורא אז דער אייבערשטער זעט.

**נו,** זעט דאך לכאורה אויס, אז 'מורא בשר ודם' איז נאכמער ווי 'מורא שמים'? אבער זעט אויס, אז דאס ווענדט זיך ביי וועמען. ביי א פשוט'ן מענטש - וואס האט נאך נסיונות פון עבירות - איז טאקע גרעסער די 'מורא בשר ודם', און פון זיין יראת שמים פאלט טאקע נישט ארויס די ציין. אבער דער יראת שמים וואס דער רבי ר' מענדעלע האט באקומען פונעם רבי'ן ר' אלימלך'ס זאגן 'דא איז ער דאך' - דאס איז שוין אן אנדערע מין פחד! פון דעם פאלט שוין יא ארויס די ציין...

**פארברענט פון קדושה...**

**דער** אפטער רב זצ"ל האט דערציילט, אז אמאל ווען ער איז געווען ביים רבי'ן ר' אלימלך, איז דארט געשטאנען דער טאכטער פונעם רבי'ן ר' אלימלך[ד], און זיין בעקיטשע האט אנגערירט ביים שפיץ פון איר קלייד. האט ער געפיהלט ווי ער ווערט פארברענט פון קדושה.

**זעט** אויס, אז טאקע נאר דורך דער קדושה וואס ער האט געפיהלט - האט ער געוואוסט אז דער בעקיטשע האט אנגערירט אין איר קלייד...

**א רויטער קארג פון דביקות**

**דער** רבי ר' אלימלך איז אמאל געפארן מיט א פראסטער בעל עגלה, האט ער געזען אז דער רבי ר' אלימלך'ס קארג (האלז) ברענט ווי א פייער. האט ער געזאגט: **"ער האט געמוזט טרינקען א היבש גרויסן גלעזל זעקס און ניינציגער, ווייל צו באקומען אזא רויטן קארג גייט נישט אזוי לייכט..."**.

**דער** קארג איז געווען רויט פון דעם פייער וואס האט געפלאקערט אינעווייניג. אבער אזא השגה האט א בעל עגלה אינעם רבי'ן ר' אלימלך...

ד דער רבי ר' אלימלך האט געהאט צוויי טעכטער, אונז זעמיר אייניקלעך פון דער טאכטער אסתר עטיל, מען האט איר גערופן **די באבע עטיל'ע**, זי ליגט אין אלטן ביה"ח אין פריסטיק. איר מאן - דער זיידע ר' ישראל פריסטיקער ז"ל - איז געווען א שוועסטער-קינד מיטן חוזה פון לובלין זי"ע.

**צוטיילט זיינע מדרגות פאר די תלמידים**

**די** וועלט זאגט, אז דער רבי ר' אלימלך האט איינגעטיילט זיינע מדרגות צו די תלמידים: דעם 'מח' - האט ער געגעבן פאר רבי ר' מענדעלע רימנובער, די 'אויגן' - פארן רבי'ן פון לובלין, דאס 'הארץ' - פארן קאזניצער מגיד, דאס 'מויל' - פארן אפטער רב.

**אבער** לכאורה שטימט עס נישט מיט דאס וואס צדיקים האבן געזאגט: "די אויגן פונעם חוזה האט - כביכול כביכול - דער רבי ר' אלימלך אויך נישט געהאט". נו, אויב ער האט עס באקומען פונעם רבי'ן ר' אלימלך, ווי קען זיין אז דער רבי ר' אלימלך אליינס האט עס נישט געהאט?

**אבער** עס איז נישט קיין קושיא, ווייל עס קען זיין אז נאכדעם וואס דער רבי פון לובלין האט באקומען דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס הייליגע אויגן, האט ער זיך אליינס אויסגעארבעט נאכמער און נאכמער, ביז ער איז אנגעקומען צו אזא הויכע מדרגה **פון אויגן** - וואס - כביכול - דער רבי ר' אלימלך האט נישט געהאט.

**מיינע קינדער וועלן זיך וואשן צו מלוה מלכה יעדע וואך...**

**מען** דערציילט, אז דוד המלך פלעגט קומען יעדן מוצאי שבת צום רבי'ן ר' אלימלך מיט א קרוין. איינמאל איז ער געקומען **אן** דעם קרוין. האט אים דער רבי ר' אלימלך געפרעגט: "מאי האי?". האט ער געענטפערט: "יעדן מוצאי שבת טרינקט איר קאווע מיט צוקער, און היינט האט איר געטרינקען אן צוקער!". האט דער רבי ר' אלימלך געזאגט: "אויב אזוי, זעה איך דאך אז מלוה מלכה איז אזוי גרויס. אבער איך קען שוין נישט יעצט אויף דער עלטער משנה זיין און אנהייבן זיך וואשן צו מלוה מלכה, אבער מיינע קינדער וועלן זיך יא וואשן צו מלוה מלכה יעדע וואך".

**מען** האט דאס טאקע געזען ביי חסיד'ישע אידן אינדערהיים, אז מען איז געווען שטארק נזהר זיך צו וואשן צו מלוה מלכה אין בית המדרש בציבור. עס איז דאך נישט געווען די הרחבה וואס עס איז ברוך השם דא היינט, דעמאלט האט מען קוים געקענט צושטעלן א בילקע פאר יעדן איינעם. אויב מען האט געגעבן א שטיקל הערינג

איז מען געווען גליקליך. און דאך האט מען זיך געוואשן צום מלוה מלכה יעדע וואך.

**מען** זאגט דאך אז ביי רבי ישעי'לע קערעסטירער האט מען גע'שחט'ן א קעלבעל יעדע וואך צו מלוה מלכה.

**עס** איז אבער געווען צדיקים וואס פלעגן זיך נישט וואשן צום מלוה מלכה. דער רבי זכרונו לברכה פלעגט נישט עסן מלוה מלכה **בציבור**, ביחידות ווייס איך נישט צי ער האט זיך געוואשן. נהרא נהרא ופשטיה.

**גרעסער פון די פריערדיגע**

**רבי** נפתלי אלימלך - רבי איציקל פשעווארסקער'ס פאטער, האט אמאל געטראפן אין א קבלה ספר 'ברית מנוחה', איז געשטאנען דארט[ה]: "כאטש די גמרא זאגט דאך (שבת קיב:): "אם ראשונים כמלאכים אנו כבני אדם", אבער עס איז דא א 'יוצא מן הכלל', וואס א שפעטערדיגער איז יא גרעסער פון א פריערדיגער". האט רבי נפתלי אלימלך געוויזן דעם שטיקל ברית מנוחה פארן ציעשנובער רב זצ"ל. האט ער געגעבן א זאג: **"כגון דער רבי ר' אלימלך!"**.

**אילו היה בדורו של אברהם**

**דער** צאנזער רב זצ"ל האט געזאגט: "ווען דער רבי ר' אלימלך וואלט געווען אינעם דור פון די אבות הקדושים, **וואלט מען געזאגט ביי די שמונה עשרה 'אלקי אלימלך'"**.

**זיין זכות פאר שפעטערע דורות**

**דער** תפארת שלמה שרייבט (ליקוטי קהלת ד"ה ושבח): "כאשר עינינו תחזינה מישרים מגודל מעלות הרב הקדוש מוהר"ר אלימלך זלה"ה אשר **זה קרוב שמונים שנה שהלך לעולמו, ועד היום תופיע אורו הקדוש לדור דור תלמידי תלמידיו, כנהר שאינו פוסק לכל מי שבא לטהר זי"ע** - שוין אכציג יאר פונעם רבי'ן ר' אלימלך, און נאכאלץ שיינט זיין אור פאר אידן וואס ווילן זיך מטהר זיין.

ה הובא בספר אור לשמים פ' תצוה ד"ה "עוד נ"ל רבוע יהי' כפול".

**אויב** מען מעג ממשיך זיין זיינע ווערטער, קען מען זאגן, אז דער כח פונעם רבי'ן ר' אלימלך, איז עפעס עולה על כולנה! סיי זיין ציון הקדוש און סיי זיין ספר האט עפעס א מין התפשטות הקדושה, געוואלדיג.

**איך** האב אמאל מיטגעהאלטן ווי מען האט געשמועסט ביים רבי'ן זכרונו לברכה אין שטוב פונעם רבי'ן ר' אלימלך און רבי'ן ר' זושא. האט דער רבי געגעבן א שריי ארויס פון הארץ: "**בצלם נחיה, פון זייער כח האבן מיר היינט א קיום אין גלות!**".

עס איז דאך געווען **נאך** צדיקים, אבער זעט אויס אז זיי האבן געהאט עפעס א ספעציעלער כח.

**ממתיק געווען די חבלי משיח**

**ביי** די קריג, האט זיך איינער אנגערופן פארן בעלזער רב (הרה"ק רבי אהרן זצ"ל), אז דאס איז 'חבלי משיח'. האט דער בעלזער רב געזאגט: "**חס ושלום! חבלי משיח האט שוין דער רבי אלימלך מבטל געווען!**".

זעט אויס, אז ווען נישט דער רבי אלימלך – ווער ווייסט צי עס וואלט געבליבן א שריד ופליט רחמנא ליצלן.

**זייער 'גלות ליידן' האט געטוישט די גאנצע שטאט**

**אינדערהיים** איז געווען א שטאט ביליץ, וואס האט זיך צוטיילט אויף צוויי שטעט, ניי-ביליץ און אלט-ביליץ. אלט-ביליץ איז געווען חסיד'ישע אידן, און ניי-ביליץ איז געווען א באלעבאטישער עולם און מאדערנע מענטשן.

**האט** מען דערציילט, אז ווען דער רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא זענען געגאנגען גלות ליידן, זענען זיי אנגעקומען קיין אלט-ביליץ, און זיי האבן געוואלט גיין ווייטער קיין ניי-ביליץ. איז געקומען צו זיי דער בעל דבר און געסטראשעט, אז אויב וועלן זיי גיין ווייטער, וועט ער זיך נעמען **נאר** צו זיי. האבן זיי זיך דערשראקן און האבן זיך אפגעשטעלט דארטן. ממילא, האט דאס גורם געווען אזא גרויסן חילוק צווישן די צוויי שטעט.

**די ערשטע שאלה פון משיח**

**דער** צאנזער רב זצ"ל האט געזאגט: "**ווען משיח וועט קומען, וועט די ערשטע שאלה זיין, צי מען האט מקרב געווען דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקלעך. יעך וועל קענען זאגן אז איך האב זיי מקרב געווען!**".

**און עצה פונעם קאלאשיצער רב...**

**דער** קאלאשיצער רב זצ"ל האט אמאל געטראפן אן אייניקל פונעם רבי'ן ר' אלימלך זי"ע, וואס האט געדארפט חתונה מאכן א קינד. עס איז פונקט דעמאלט געווען אין די טעג פונעם רבי'ן ר' אלימלך'ס יארצייט, האט אים דער קאלאשיצער רב געזאגט: "נעם דיר מיין טיליפ (ער האט געהאט א שיינעם טיליפ...), און זעץ זיך אוועק ביים טיר וואו מען גייט אריין צום אהל פונעם רבי'ן ר' אלימלך, דער עולם וועט זען א 'איש מכובד' וועט מען דיר מקרב זיין...". דער איד האט טאקע אזוי געטון, און ער האט געמאכט שיין געלט.

**זיך אויפגעשטעלט פאר רבי'ן ר' אלימלך'ס אן אייניקל...**

**איך** האב געהערט פונעם וויזניצער רבי'ן זכרונו לברכה, אז דער אהבת ישראל זצ"ל פלעגט זיך אויפשטעלן - ווען עס איז אריינגעקומען אן אייניקל פונעם רבי'ן ר' אלימלך - אפילו פאר א בחור.

**יענער איז מער ירא שמים, אבער ער איז אן אייניקל פון ר"ר אלימלך**

**עס** איז געווען אין לאנצוט א איד רבי משה גאלדקלאנג ז"ל, א דורכגעווייקטער חסידישער איד, א שם דבר, א גרויסער חסיד פונעם קאלאשיצער רב. איז געווען איינמאל נאכדעם וואס ער איז צוריקגעקומען פון ריישא, איז ער אריינגעקומען צום טאטן זכרונו לברכה און אפגעגעבן א קוויטל. האט אים דער טאטע געפרעגט: "וואס איז דאס?", ווייל עס איז נישט געווען זיין דרך אים צו געבן קוויטלעך. האט ער אים געזאגט: "איך קום יעצט פונעם קאלאשיצער רב, און ער האט מיר געזאגט: "פארוואס קומסטו צו מיר? ביים לאנצוטער רב קען מען געהאלפן ווערן פונקט ווי ביים ...[ו], כאטש

ו רבינו לא רצה לפרש ממי היה המדובר, רק אמר שהיה **איש קדוש מפורסם מגדולי הדור.**

וואס **יענער** איז מער ירא שמים, איז **ער** (דער טאטע ז"ל) אבער דעם רבי'ן ר' אלימלך'ס אן אייניקל".

**די קדושה פונעם רבי'ן ר' אלימלך'ס עטרה**

**דער** טאטע זכרונו לברכה (הגה"צ אב"ד לאנצוט זצ"ל) האט געהאט בירושה פארשידענע חפצים פון אונזערע הייליגע זיידעס. ער האט געהאט א געפלאכטענע עטרה פונעם הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זצ"ל, א ווייסע בעקיטשע פון הרה"ק רבי אליעזר'ל דזשיקובער זצ"ל, א קריסטאלענעם כוס של אליהו פונעם הייליגן בני יששכר זצ"ל, און א טאבאק פושקע פון הרה"ק רבי משה לייב סאסובער זצ"ל.

**איך** געדענק ווי עס פלעגן קומען צו פארן קיין לאנצוט חשוב'ע אידן, בעיקר טאקע די ראפשיצער אייניקלעך וועלכע פלעגן קומען אויפן ציון פון הרה"ק מראפשיץ זצ"ל וואס ער ליגט אין לאנצוט, א שטייגער ווי דער דעמביצער רב זצ"ל און נאך אזעלכע לייטישע אידן. זענען זיי עקסטער קודם געגאנגען אין מקוה אריין, איידער זיי האבן גענומען די הייליגע עטרה אין דער האנט. אה, מען איז צוגעגאנגען דערצו מיט אזא מין יראה, מיט אזא מין פחד, אז עס לאזט זיך נישט זאגן.

**ווען** דער קריג האט אויסגעבראכן און מיר האבן געדארפט אנטלויפן פון לאנצוט, האט דער טאטע זכרונו לברכה גענומען דעם עטרה און צושניטן אויף קליינע שטיקלעך, און געגעבן פאר יעדן איינעם פון אונז צו האלטן אין טאש פאר א שמירה. דער טאטע האט דעמאלט אויך געטיילט פון די עטרה פאר נאנטע ידידים און היימישע אידן. ויהי לפלא, די **אלע** אידן וואס האבן באקומען א שטיקל פון די הייליגע עטרה האבן איבערגעלעבט דעם קריג בנסי נסים.

**עס** איז געווען אן איינפאל צי נעמען די עטרה און צושניידן אויף קליינע שטיקלעך, וואס דער טאטע ז"ל האט פארשטאנען דעם 'ומי יודע אם לעת כזאת הגעת למלכות', אז יעצט איז טאקע דער שעת הכושר אז אידן זאלן מיט **דעם** ניצול ווערן.

אה, כוחו של אותו זקן!

**א פירוש אויפן נועם אלימלך**

**דער** צאנזער רב האט געזאגט: "איך וואלט געקאנט מאכן א פירוש אויפן נועם אלימלך אין דער לענג און אין דער ברייט, אזוי ווי דער בית יוסף אויפן טור. נאר איך האב מורא אז איך וועל נישט מכוין זיין אל האמת".

**א שטוב וואו עס איז נישטא קיין נועם אלימלך**

**מען** זאגט נאך פון בעלזער רב, אז ער האט אמאל געדארפט גיין באזוכן א ליטווישן גדול (איך וויל נישט זאגן דעם נאמען), **האט ער** געהייסן פארן גבאי'ן זאל מיטנעמען א נועם אלימלך און אז ער זאל אריינגיין פריער: "ווייל איך וויל נישט אריינגיין אין א שטוב וואו עס קען זיין אז עס איז נישטא קיין נועם אלימלך".

**קאלאשיצער רב'ס לערנען נועם אלימלך**

**אסאך** צדיקים פלעגן נישט זאגן קיין תורה ביי שלש סעודות, נאר זיי פלעגן נאכזאגן א שטיקל נועם אלימלך פון אינעווייניג. דער קאלאשיצער רב זכרונו לברכה פלעגט אויך אזוי טון, ער פלעגט כמעט נישט זאגן קיין תורה, נאר פארלערנען א שטיקל נועם אלימלך.

**דארט** אין ריישא איז געווען אן אנגעזעענער מענטש מיטן נאמען ר' מאטשיע עקשטיין ז"ל, ער איז געווען א דזשיקובער חסיד, א תלמיד חכם מופלג און אויך א ידען אין קבלה ספרים, ער איז אויך געווען אן עושר און א שם דבר. און ער פלעגט אויך אריינקומען צום קאלאשיצער רב זצ"ל. איז ער אמאל אריינגעקומען בשעת ווען דער קאלאשיצער רב ז"ל האט פארגעלערנט נועם אלימלך, רופט זיך אן דער ר' מאטשיע עקשטיין: "געוואלד, **איך האב דאך אויך היינט געלערנט דעם זעלבן שטיקל נועם אלימלך, אבער עס איז גארנישט 'דאס'!** עס איז נישט דער זעלבער נועם אלימלך וואס איך האב געלערנט!".

זעט אויס אז דאס איז געווען אן אנדערע געלערנעכטס...